# א גריס פון בית פיגא

פרשת קרח

ב' תמוז תשפ"א

יאר 1 גליון 29

## פרי 1 עי - רחל לאה ראטה

איך האב געבעטן די אייבערשטער פאר זייער א לאנגע צייט אז מיין שוועסטער מיס ראטה זאל שוין ווערן א כלה, און ש'כח אייבערשטער אז זי איז שוין געווארן א כלה!



## ערשטע קלאס - מינדי לעווי

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל גיין צו מיין באבע'ס הויז, און ש'כח אייבערשטער אז איך בין געגאנגען!



## צווייטע קלאס - פערעלע שווארץ

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין בעיבי ברודער זאל זיך שוין אויסלערנען צו וואקן, און ער זאל באקומען נייע שיך, ש'כח אייבערשטער אז ער קען שוין וואקן און מען האט אים געקויפט שיינע שיך!



## פערדע קלאס - עטי ראטה

איך האב זייער שטארק געוואלט האבן א טוי, אבער איך האב נישט געוואלט מוטשענען מיין מאמע פאר עס, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס באקומען, און ש'כח אייבערשטער אז מיין ברודער האט מיך עס געקויפט!



## עלטסטע קלאס - אסתר יוטי שטערן

איך האב פאר זייער לאנג, זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען קומען צו בית פיגא סקול, און ש'כח אייבערשטער אז איך בין דא!

## בית פיגא ליבערטי - אסתי פרעידמאן

איך האב מיך זייער שטארק צוקלאפט, אנשטאטס צו וויינען, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיך שנעל אויסהיילן, און ש'כח אייבערשטער אז עס האט זיך שוין אויסגעהיילט!



# א ברִיוו פון דער ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך,

יום א׳ פרשת ויחי, ו׳ טבת, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האף אז איר זענט מקרב די מיידלעך וואס קיינער טראכט נישט פון זיי; למשל, ווען מען שמועסט זיך אפ מיט חבר׳טעס צו גיין איינקויפן (שאפינג) וכדומה, דארפט איר האלטן קאפ צו רופן די מיידלעך וועם קיינער רופט נישט וכו׳. אזוי אויך, ווען מען מאכט פארברענגענס, דארפט איר שטענדיג טראכטן פון די וואס קיינער טראכט נישט פון זיי.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש שמות רבה ב, ב-ג): ״ווען דוד המלך איז געווען א יונגער בחור איז ער געווען א פאסטוך, ער פלעגט שטענדיג אכטונג געבן אויף די שוואכע שעפעלעך און אויף די יונגע שעפעלעך זיי זאלן האבן וואס צו עסן. ער פלעגט קודם ארויסברענגען די קליינע שאף וואס זיי האבן נאך נישט קיין גרויסע ציינער און קענען נישט עסן פון אונטען נעבן דעם ווארצל וואו עס איז הארט, זיי האט ער קודם ארויסגענומען זיי זאלן אפעסן די ווייכע תבואה. נאכדעם האט ער געפענט די טיר פאר די מיטעלע שאף וואס האבן שוין גרעסער ציינער זיי זאלן עסן פון די מיטלסטע חלק פון די תבואה, נאכדעם האט ער ארויסגענומען די עלסטע שאף וואס האבן שוין גאר שארפע ציינער, זיי זאלן אויסרייסן ביז די ווארצלען; האט דער אייבערשטער געזאגט פאר דוד: ׳דוד, דו האסט רחמנות אויף שעפעלעך, דו ביסט ראוי צו זיין דער מנהיג ישראל׳, אזוי ווי עס שטייט (תהלים עח, עא): ״מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ, וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ״״.

זעט מען פון דעם אז מען דארף אכטונג געבן אויף די קליינע שוואכע מיידלעך וואס האבן נישט קיין חבר׳טעס וכו׳, און אויב מען איז זיי מקרב, מען האט רחמנות אויף זיי, האט דער אייבערשטער א נחת רוח, און ער נעמט דעם מענטש זאל העלפן אידישע קינדער.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן וויפיל מיידלעך וויינען צאם שטילערהייט ווען קיינער זעט נישט, ווייל זיי האבן נישט קיינעם פאר א חבר׳טע. אסאך מאל שפילן זיי פון אינדרויסן כאילו זיי גייט גוט, אבער שטילערהייט זענען זיי זייער צעבראכן.

דערפאר בעט איך אייך, איר זאלט טראכטן פון די מיידלעך וואס קיינער קוקט נישט אויף זייער זייט, אסאך מאל מיט איין גוט ווארט קען מען זיך איינקויפן עולם הבא.

יואל רוטה

# א מעשה פון א צדיקת

אין די צייטן פון משה רבינו, איז געווען א מענטש וואס האט געהייסן קרח. קרח האט געקריגט אויף משה רבינו, און ער האט זיך געהאלטן פרומער און קלוגער פון די צדיק. איינע פון די מענטשן וואס זענען געווארן מיטגעשלעפט מיט די מחלוקת האט געהייסן און בן פלת. ער האט געהאט זייער א קלוגע ווייב, און זי האט זייער שטארק געוואלט היטן אויף איר מאן אז ער זאל נישט ווערן נאכגעשלעפט מיט די מחלוקת פון קרח.

זיין ווייב האט פרובירט צו רעדן שיין צו אים. זי האט אים מסביר געווען אז ער וועט גארנישט האבן פון זיך אריינמישן אין די מחלוקות. אויב איז משה רבינו גערעכט, וועט ער בלייבן רבי, און דו וועסט זיין די תלמיד. און אויב קרח איז גערעכט, וועט ער ווערן רבי, און דו וועסט ווייטער בלייבן תלמיד, איז וואס וועסטו האבן פון זיך אריינמישן? אבער זי האט געזען אז ער איז נאכנישט געווארן איבערגערעדט. האט זי געטראכט און געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל האבן א גוטע עצה וויאזוי זי קען ראטעווען איר מאן, ווייל זי האט געוואוסט אז פון מחלקות דארף מען אנטלויפן ווי פון פייער. ביז דער אייבערשטער האט איר אריינגעשיינט א קלוגע עצה.

עס איז געווען די נאכט פאר עס האט געדארפט פארקומען א גרויסע צוזאמקום פון קרח און זיינע מענטשן, ווי דארט וועט מען רעדן קעגן די צדיק, משה רבינו. האט זי אנגעגרייט א גרויסע רייכע נאכטמאל פאר איר מאן, מיט ווין און גוטע עסן וואס מאכט זייער מיד. און בן פלת האט געגעסן די גוטע פלייש, און טייערע ווין ביז ער איז געווארן שיכור און זייער מיד, און ער האט זיך געלייגט שלאפן.

ביזדערווייל האט זיין ווייב געוואוסט אז קרח׳ס מענטשן וועלן אט אט אנקומען, און רופן איר מאן צו די גרויסע צוזאמקום וואו מען וועט רעדן קעגן משה רבינו. זי האט אזוי שטארק געוואלט אז ער זאל נישט גיין, האט זי געטוען עפעס א דראסטישע זאך, נאר ווייל זי האט געוואלט צו ראטעווען איר מאן פון די מחלוקת. זי האט זיך געזעצט אינדרויסן פון איר הויז, און אויפגעדעקט איר האר. ווען קרח׳ס מענטשן זענען געקומען רופן און בן פלת צו די צוזאמקום, האבן זיי געזען זיין ווייב זיצן אינדרויסן מיט אפענע האר. זיי זענען געווען זייער פרומע מענטשן, זענען זיי שנעל אוועקגעגאנגען פון דארט.

ווען די ערליכע פרוי האט געזען ווי זיי גייען אוועק, האט זי זיך שנעל צוגעדעקט איר קאפ, און געדאנקט דער אייבערשטער אז ביזדערווייל איז עס געלונגען, און זי האט ווייטער געבעטן דער אייבערשטער אז איר מאן זאל אינגאנצן אפלאזן קרח און זיינע מענטשן.



יענע טאג ביי די גרויסע פארזאמלונג, האט זיך די ערד געעפענט, און אלע מענטשן וואס זענען דארט געווען זענען געווארן באגראבן לעבעדיגערהייט. און בן פלת איז געווארן געראטעוועט, נאר בזכות זיין קלוגע ווייב, וואס האט גענוצט איר חכמה ארויסצודרייען איר מאן פון מחלוקת. **אויף איר ווערט געזאגט די פסוק: חכמת נשים בנתה ביתה - א קלוגע פרוי בויעט אויף איר שטוב.**

וואס לערנען מיר זיך פון די ווייב פון און בן פלת? מיר לערנען זיך ארויס וויאזוי א קלוגע פרוי געבט זיך אן עצה ווען זי האט א פראבלעם מיט איר מאן. וואס וואלט אן אנדערע פרוי געטוען ווען זי זעהט ווי איר מאן קריגט אויף א צדיק אדער טוט עפעס אן אנדערע נישט גוטע זאך? זי וואלט אים געסטראשעט, "אויב גייסטו נישט תשובה טון, וועל איך דיר איבערלאזן."

אבער א קלוגע פרוי ווייסט אז סטראשענען און זיך גט'ן איז נישט די עצה. מען דארף בעטן דער אייבערשטער ער זאל געבן די ריכטיגע עצה צו וויסן וויאזוי צו רעדן און וואס צו טוען און נאר אזוי קען מען פעול'ן.

# פון אונזערע לערערינס...

יום ה׳ פרשת ויקהל פקודי שנת תשע״ח

טייערע... תחי׳

העלפן דיין מאמע איז די שענסטע זאך וואס דו קענסט טון. אפילו דו וואלסט געוואלט קומען פרי, ביסטו געגאנגען צו די גראסערי פאר דיין מאמע פרייליכערהייט, און זי האט זיך נישט געדארפט בעטן ביי דיר. דיין מאמע זאגט מיר אז דו ביסט איר רעכטע האנט, און איך גלייב איר, ווייל אין סקול העלפסטו אזוי שיין און פול מיט אחריות און טיכטיגקייט.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן, זאלסט ווייטער אויסהערן און פאלגן דער ראש ישיבה שליט״א מיט תמימות, ועסטו האבן א גוטע לעבן.

דער עיקר זאלסטו זיין נאר פרייליך, און רעדן אסאך צו דער אייבערשטער!

מיט ליבשאפט,

## ספר המדות ווינקל

### אות בושה

יט. עַל-יְדֵי חֲנֻפָּה תִּהְיֶה בָּזוּי בֵּין הָאֻמּוֹת, וְהָאֻמּוֹת יְקַלְלוּ אוֹתְךָ וְיִקְצְפוּ עָלֶיךָ.

דורך זיך חנפ׳ענען וועסטו זיין פארשעמט צווישן די גוים, און זיי וועלן דיר שעלטן און שפרינגען מיט כעס אויף דיר.

לו. כָּל הַשְּׁעָרִים נִנְעֲלוּ חוּץ מִשַּׁעֲרֵי אוֹנָאָה.

אלע טויערן זענען פארשפארט אויסער די טויער פון די וואס ווערן געטשעפעט.




# RECIPE

## HONEY CHOCOLATE CHIP COOKIE



- 1 cup oil
- 1 cup brown sugar
- ½ cup honey
- 1 tbs vanilla sugar
- 3 ½ cup flour
- 2 tsp baking soda
- 9 oz mini chocolate chips

Preheat oven 350°

Mix oil and sugar. Add eggs slowly and mix. add honey and vanilla sugar and mix. mix honey, flour baking soda and add chocolate chips. Scoop onto lined cookie sheets.

Refrigerate for 3 hours.

Bake ° for 12-15 minutes.

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!

# נייעס אין בית פיגא...

די גאנצע סקול פריידט זיך מיט מיט די גרויסע שמחה, אז אונזער געטרייע און איבערגעגעבענע פרינציפל פון שטעטל סקול, מרת היילפרין, האט ב"ה געהאט א מיידל בעיבי!

די וואך מאנטאג נאכט איז פארגעקומען די אכטע קלאס גראדיאעשין! עס איז ב"ה געלונגען הערליך! די מיידלעך האבן געזינגען שיינע ניגונים, און יעדע מיידל האט געהאט די געלעגנהייט זיך אויפצושטעלן און זאגן אפאר ווערטער ווענגן בית פיגא. אלע מאמעס און באבעס האבן געשעפט פיל נחת פון די חשובע בית פיגא תלמידות.

מזל טוב! ש'כח אייעברשטער אז מיס ראטה איז שוין געווארן א כלה, די גאנצע סקול איז אזוי פריילך!

די וואך דאנערשטאג איז געווען די לעצטע טאג פון סקול פאר די מיידלעך פון די עלטסטע קלאס. אלע מיידלעך ווען זיך אזוי שטארק בענקען, און קענען שוין קוים ווארטן פאר קעמפ!!

# מזל טוב

בית פיגא וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר:

די חשובע

## ראש ישיבה שליט"א

צו די שידוך פון זיין טאכטער!

אונזער חשובע, איבערגעגעבענע פרינציפל
פון בית פיגא ליבערטי

## מרת היילפרין

צו איר מיידל בעיבי!

## מיס ראטה

צו איר שידוך

## רחל לאה ראטה

איר שוועסטער איז געווארן א כלה

די לעצטע גליון פון תשפ"א

# מיר ווילן זיך בענקען....

מיר קענען שוין קוים ווארטן פאר קומענדיגע יאר צו נאכאמאל קענען הנאה האבן פון אזא שיינע גליון יעדע וואך!



א גוט שבת!

זמן שבת: 8:12

זמן מוצש"ק: 9:40

קוואל פון חיזוק

212-444-9169

צניעות איז שיין....

הערט א שיעור פון מרת לעזער

2,4,2,111